ד. כרגיל אין די התוועדות אויך צו לערנען א פירש"י אויף דעם סדרה, ובפרט ווי מען האט שוין גערעדט אין די פריערדיקע התוועדות וועגען דעם רש"י אויפן פסוק ראה (יג, ז) "כי יסיתך" און מען איז אויך רגיל אין די התוועדויות האחרונות צו שטעלן זיך אויף די ענינים וואס רש"י שטעלט זיך ניט אויף זיי, וואס דאס איז צי מצד דערויף ווארום דער ענין איז סיי ווי פארשטאנדיק צו א בן חמש, דעריבער דארף ער דאס ניט מבאר זיין, אדער רש"י דארף דאס ניט מבאר זיין ווארום ער האט דאס שוין באווארנט ערגעץ וואו פריער, דעריבער דארף ער דאס ניט מבאר זיין דא.

עד"ז בנוגע דעם פסוק פון "כי יסיתך אחיך", וואס רש"י שטעלט זיך אויף דעם פסוק און זאגט א גאנצע ביאור, און לאזט אויס א גרויסע קשיא, און דאס איז, וואס דא אין פסוק רעכנט ער אויס די אלע וואס זיינען נאנט צו אים, אנהויבנדיק מיט אחיך וואס רש"י זאגט אז דאס גייט אויף אחיך מן האב און דערנאך בן אמך וואס דאס גייט אויף א ברודער וואס איז מן האם, און דערנאך רעכנט ער אויס בנך או בתך און אשת חקך ביז צו "אשר כנפשך" וואס דאס גייט אויף זיין טאטע, און לאזט אויס בנוגע אמך, וואס לכאו' אויב ער רעכנט אויס דא שוין די אלע קרובים וואס האבן א נאנטער שייכות צו אים, האט דער פסוק געדארפט אויך אויסרעכנען אמך, ובפרט אז דא רעדט דער פסוק וועגען כי יסתך, אן ענין וואס מען רעדט איינער איין, דאס האט מער א שייכות צו אמך ווי צו אביך.

און ווי דער קינד האט שוין פריער געלערנט אין קדושים (יט, ג) בשעת דער פסוק דארף באווארנען בנוגע ליראה, "איש אמו ואביו תיראו" זאגט דער פסוק ערשט אמו און דערנאך אביו, משא"כ אבער בנוגע צו כיבוד זאגט דער פסוק "כבד את אביך ואת אמך" ערשט אביך, און דערנאך אמך, און רש"י איז מבאר אז דאס וואס ביי כבוד זאגט ער ערשט אב, און ביי יראה זאגט ער ערשט אם, ווארום יראה האט דער קינד מער

מורא פון טאטע ווי פון דער מאמע, ווארום דער מאמע משדלתו בדברים במילא האט דער קינד מער מורא פון דעם אב, דעריבער ביי יראה זאגט ער ערשט אמו, באווארנען אז אויך פון אמו דארף מען האבן יראה, און ביי כיבוד, וואס כבוד האט דער קינד מער צו זיין מאמע ווייל משדלתו בדברים, דעריבער זאגט דער פסוק ערשט אב און דערנאך אם.

עכ"פ זעט מען פון דעם אז אין דעם ענין פון משדלתו בדברים האט דאס מער א שייכות צום אם ווי צום אב, אויב אזוי אויב דער פסוק רעכנט אביו, האט זיכער געדארפט רעכענען אמו וויבאלד דא רעדט זיך וועגן א ענין פון יסתך איינריידן?

און דערנאך דארף מען פארשטיין, פארוואס רעכנט ער ניט אויס אחותך ער רעכנט דא אויס כי יסתך אחיך בנך או בתך און אשת חקך איז פארוואס ער זאגט ניט אויך אחותך, ביי אחיך זאגט ער דאס מיט א גאנצע אריכות אחיך מן האב און בן אמך מאם, און בנוגע אחותך דערמאנט בכלל ניט?

וואס די אלע קשיות זיינען דאך שווער צו א בן חמש למקרא, און רש"י באווארנט דאס גארניט, און מען געפינט ניט ערגעץ וואו אז מפרשים זאלן זיך אפשטעלן אויף דעם.

וכפי שיתבאר לקמן ווי לויט פשוטו של מקרא איז דער גאנצע ענין קיין קשיא ניט, אדער ווייל רש"י האט דאס שוין באווארנט פאר דעם, אדער אז דא אויפן ארט באווארנט דאס שוין רש"י וכפי שיתבאר לקמן ווי דאס איז אלץ מתאים לויט פשוטו של מקרא.

ו. בנוגע דעם רש"י, וועט דאס זיין מובן, לויט ווי מען האט שוין גערעדט כמה פעמים בנוגע דעם כלל וואס רש"י גיט ארויס בכמה מקומות, און דאס איז אז דיבר הכתוב בהווה, ד.ה. אז בשעת די תורה איז מוסיף א געוויסן ווארט, ד.ה. אז ניט נאר בשעת דער פסוק האט א ברירה צו זאגן א ענין מיט אזא ווארט אדער מיט א צווייטע ווארט, דריקט ער זיך אויס דוקא מיט דעם ווארט, נאר אפי' אין א ארט וואס אן דעם ווארט וואלט אויך געווען גוט, פונדעסטוועגן איז דער פסוק מוסיף א ווארט, און ביז ער איז מוסיף א ווארט וואס קאן גאר שולל זיין א אנדערע ענין, ע"ד פרשתנו דאס וואס עס שטייט "בסתר" איז שולל "בגלוי" און דאס איז אלץ צוליב דערויף וואס "דיבר הכתוב בהווה", דער תורה וויל ריידען ווי דער ענין איז מצד ההווה, וואס דאס איז דער ביאור אין כמה מקומות וואס רש"י דארף מוסיף זיין אט דעם כלל אז דיבר הכתוב בהווה, ווארום ער וויל מיט דעם מבאר זיין דאס וואס דער פסוק דריקט זיך אויס דוקא מיט דעם ווארט.

ועד"ז בנוגע דעם פסוק פון "כי יסתך", זאגט רש"י אז דאס וואס דער פסוק זאגט "בסתר", מיינט דאס ניט דוקא בסתר און ניט בגלוי, נאר ווייל "דיבר הכתוב בהווה", דעריבער זאגט ער בסתר ווייל אזוי איז דער שטייגער אז אט די ענינים טוט מען בסתר.

במילא לויט דעם כלל איז פארשטאנדיק דעם גאנצען פסוק, וויבאלד דער פסוק רעדט אלץ אין דעם אופן פון הווה, וואס בפשטות אט דעם פסוק רעדט זיך אלץ וועגן איין מענטש, ד.ה. דאס וואס ער זאגט דא כי יסתך אחיך, בן אמך, בנך או בתך, רעדט זיך דאס ניט וועגן דריי באזונדערע מענטשן איינע איז יסתך אחיך, און דער צווייטע בן אמך וכו', נאר דאס איז אלץ וועגן איין מענטש אז יסית אדער אחיך אדער בן אמך וכו'.

במילא לפי זה קומט אויס, אז דאס וואס דער פסוק זאגט גלייך נאך דעם בנך או בתך, איז פארשטאנדיק אז דאס רעדט זיך וועגן אן עלטערע מענטש, אז ער האט שוין חתונה געהאט, און האט שוין קינדער, און זיינע קינדער גופא, זיינען ניט קיין קליינע נאר זיי זיינען שוין דערוואקסענע קינדער, ווארום זיי דארפן דאך זיין שייך אין די ענינים עקרים פון יסיתך במילא זיינען זיי שוין אויך עלטערע קינדער.

במילא אויב ער איז שוין א עלטערע מענטש איז פארשטאנדיק אז אויך זיין שוועסטער איז אין זייבע יארען בערך, במילא זי האט שוין חתונה געהאט און האט שוין אירע אייגענע קינדער.

לפי זה איז פארשטאנדיק דאס וואס דער פסוק רעכנט דא ניט אחותך, ווארום וויבאלד זי האט שוין אירע אייגענע משפחה, און זי וואוינט דאך ניט צוזאמען מיט איער ברודער, און זי איז פארנומען מיט אירע אייגענע משפחה, במילא קומט ניט אויס אז זי זאל זיין צוזאמען מיט אירע ברודער אין אזא מצב פון כי יסתך אפי' בגלוי וכ"ש בסתר ווארום זי איז דאך פארנומען מיט אירע משפחה, און עס איז בסתירה צו איר, צוזאמען קומען און ריידען מיט אירע ברודער, דעריבער זאגט דאס ניט דער פסוק, הגם דאס קאן אמאל טרעפען אז זי זאל קומען צו אים, אבער דאס איז ניט קיין דבר שבהווה און דער פסוק רעדט דאך נאר וועגן ענינים פון הווה דעריבער רעכנט ניט דער פסוק דעם מציאות פון אחותך.

משא"כ אבער א ברודער ער קומט גראדע נאנט מיט זיין ברודער, ווארום דאס איז ניט בסתירה קומען צו אים ,ובפרט דער ברודער וואס איז מאב זיינען דאך צוזאמען ווארום זיי דארפן דאך פארנאנדערטיילן די ירושה, ועד"ז די ברידער וואס זיינען מן האם זיינען זיי אויך צוזאמען ווארום זייערע מאמע איז זיי בײדע מקרב צוזאמען, דעריבער רעכנט דא אויס די פסוק אחיך סיי מן האב און סיי מן האם. משא"כ אבער בנוגע צו אחותך, איז מצד דערויף וואס דיבר הכתוב בהווה, רעכנט ער ניט אחותך ווארום עס קומט ניט אויס בהווה, אז דער שוועסטער זאל זיין צוזאמען מיט די ברידער,

ועד"ז בנוגע צו בנך און בתך איז דא רעדט זיך וועגן זיי בשעת זיי געפינען זיך ביי זייערע עלטערן אין שטוב פארן חתונה, דעריבער זיינען זיי דאך צוזאמען מיט אים, ממילא קאן זיין דער כי יסתך פון בנך או בתך, ועאכו"כ בנוגע צו אשת חקיך, זי איז זיכער צוזאמען מיט אים, דעריבער רעכנט אויס דעם פסוק וועגען אשת חקיך.

אבער דא ווערט א שאלה אויב אזוי, פארוואס רעכנט ער ניט אויס אמך, וויבאלד ער רעכנט אויס אביך איז דאס ווייל ער לעבט נאנט לעבן זיין טאטע איז אויב ער איז נאנט מיט זיין טאטע איז ער דאך נאנט מיט זיין מאמע, איז פארוואס רעכנט ער נאר אביך און ניט אימך?.

איז דער שאלה וועט מען פארשטיין מיט נאך א שאלה, וויבאלד דא אין פסוק רעכנט ער דאך אויס אט די אלע וואס זיינען נאנט מיט אים, און ווי רש"י זאגט דא דעם לשון "פירש לך הכתוב את החביבין לך", ווערט דאך אויב אזוי שווער פארוואס רעכנט ניט אויס דעם פסוק אויך א חבר, ובפרט ווי די תורה זאגט דאך אז עס דארף זיין דער ואהבת לרעך כמוך אז דער חבר דארף זיין כמוך, איז ער דאך זיכער נאנט מיט אים, איז ווי קומט עס אז דער פסוק רעכנט ניט צווישן די חביבין אויך א חבר?

וואס צוליב דעם קשיא איז דא פראנען מפרשים וואס לערנען איין, אז רש"י נעמט אן אז דער לשון אין פסוק "רעך אשר כנפשך", איז כאלו עס וואלט געשטאנען "רעך או אשר כנפשך", במילא ווערט דא נכלל אויך רעך.

אבער דאס קאן מען ניט זאגן לויט רש"י, ווארום רש"י זאגט גארניט דעם לשון פון או, און נאכמער פריער אויף "כי יסתך אחיך בן אמך", רש"י טיילט פארנאנדער אחיך פון בן אמך, אז דאס איז צוויי באזונדערע אחיך, איינער איז מן האב און דער צווייטער מן האם, איז דארטן וואו רש"י וויל זאגען אז דאס איז צוויי ענינים, טיילט ער דאס פאנאנדער בפי', איז אויב רש"י וואלט דא געלערנט ווי די מפרשים, אז רעך מיט אשר כנפשך איז צוויי באזונדערע זאכען וואלט רש"י געדארפט שרייבן בפי' או, און וויבאלד ער שרייבט דאס ניט, איז פון דעם פארשטאנדיק אז רש"י נעמט



הנחה פרטית בלתי מוגה

אן, אז דאס איז איין זאך רעך אשר כנפשך אזא רעך וואס איז כנפשך - דאס איז אביך.

און דערנאך איז דא נאך א הוכחה אז רש"י טיילט ניט אפ רעך פון אשר כנפשך, ווארום דער פסוק זאגט דאך דא "אשר כנפשך", וואס אשר איז דאך בלשון המשך רעך אשר כנפשך, וויל דער פסוק זאגן אז דער רעך גייט אויפן נפשך, דעריבער קאן מען ניט אפטיילען דער רעך פון נפשך.

במילא בלייבט דא ווייטער שווער, לויט רש"י, פארוואס רעכנט ער ניט א חבר, ועד"ז בלייבט נאך שווער פארוואס רעכנט ער ניט אמך, און אויך וואו געפינט מען אז אן אב ווערט אנגערופען בשם רעך?

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז מיט די ווערטער פון רעך אשר כנפשך רעכנט אויס דעם פסוק אלע סארטען רעים פון די נידעריקסטע דרגא, ביז דעם העכסטען דרגא, ובכלל דער פסוק גייט דאך מיטן סדר מלמטה למע', ערשט אחיך מן אב ומן האם ביז צו רעך אשר כנפשך, דעריבער זאגט דער פסוק רעך, וואס דאס איז דער ערשטע דרגא ביז דעם העכסטען דרגא אשר כנפשך און דאס איז אביך, און די דרגות בנתיים דארף ער ניט אויסרעכענען, במילא איז צווישן רעך אשר כנפשך ווערט נכלל אלע סארטען מענטשן וואס זיינען נאנט מיט אים סיי חברים און אויך זיין מאמע, ווארום זי איז אויך נאנט מיט אים, און ביז דעם העכסטן דרגא אשר כנפשך וואס דאס איז אביך.

וואס מיט דעם ווערט פארשטאנדיק דאס וואס דער פסוק רעכנט ניט א חבר, ווארום דאס איז נכלל אין דעם ווארט רעך ועד"ז דארף ער ניט רעכענען אמך, ווארום דאס איז אויך נכלל אין דעם ווארט פון רעך, ווארום דא רעכנט אויס דער פסוק אלע סארטען פון רעים, דעריבער דארף ער ניט אויסרעכנען באזונדער אמך, ווארום אויב ער וואלט געגאנגען אויסרעכנען באזונדער אמך וואלט דער פסוק געדארפט אויך אויסרעכנען בנוגע צו רעיך.

ווארום, אין רעיך איז דאך דא כמה דרגות עס זיינען דא חברים וואס זיינען זייער נאנט מיט אים, און דערנאך איז דא חברים וואס זיינען ניט אזוי נאנט מיט אים, און דערנאך איז פראנען אזעלכע חברים וואס זיינען גאר ווייט פון אים, איז דא פראנען דריי סוגים, איז אויב דער פסוק וואלט געגאנגען רעכענען באזונדער אמך וואלט דער פסוק געדארפט אויך רעכענען די באזונדערע דרגות פון חברים, נאר דאס וואס דער פסוק רעכנט זיי ניט איז דאס, ווייל ער דארף ניט רעכנען די דרגות שבנתיים, נאר ער רעכנט די נידעריקסטע ביז צו די העכסטע און צווישן ווערט שוין נכלל אין דעם, דעריבער זאגט ער נאר רעך ביז צו אשר כנפשך, און אמך ווערט שוין נכלל אין דעם.

וואס לפי זה איז שוין פארשטאנדיק די אלע דיוקים דאס וואס מען האט געפרעגט פארוואס רעכנט ער ניט אמך, און דאס וואס ער רעכנט ניט א חבר, ווארום דאס אלץ ווערט שוין נכלל אין דער רעך אשר כנפשך, און דא זעט מען אז מען דארף ניט אנקומען צו פי' פון אנדערע מפרשים פון דער שפתי חכמים, און זאגן דעם גאנצן ענין פון אן "או", ווארום אויב רש"י וואלט דאס געמיינט וואלט ער דאס געזאגט, און וויבאלד רש"י זאגט דאס ניט, איז פארשטאנדיק אז רש"י לערנט אז א חבר ווערט נכלל אין דעם רעך, און דער פסוק מיינט ניט ע"ד זאגן אן "או", ווארום דאס איז אלץ איין זאך, און דער פסוק רעכנט אויס אלע דרגות פון רעך סתם ביז צו אשר כנפשך.

אבער דא ווערט די שאלה פארוואס די העכסטע דרגא איז דוקא אן אב און ניט קיין אם, וואס לכאו' דער דרגא פון אשר כנפשך וואלט רש"י געדארפט זאגן אז דאס

גייט אויפן אם מער ווי פון דער אב, ובפרט ווי געמעדט פריער אז זי איז משדלתו בדברים, און דא רעדט זיך וועגן דער ענין פון כי יסתך א ענין פון איינריידען איז דאס מער שייך צו דער מאמע ווי צו דער טאטע.

נאר דער חילוק איז, דאס וואס דער מאמע איז משדלתו בדברים דאס איז אלץ בנוגע צו עניני אכילה ושתי' ענינים גשמיים, איז אין די פרטים זאגט מען אז דער מאמע איז מער נענטער צו דער קינד ווי דער טאטע, אבער בשעת עס רעדט זיך וועגן עניני אמונה אין עבודת השם, איז אין די ענינים רעדט דער טאטע און ניט דער מאמע, און דעריבער וויבאלד דא אין פסוק רעדט ער וועגן "כי יסתך" וועגן ע"ז שטערן די אמונה אין ה', איז צו אזעלכע ענינים האט דער טאטע מער שייכות ווי דער מאמע, דעריבער רעכנט דא אויס אביך דעם העכסטען פאל דער טאטע און ניט אמך.

און דאס וואס בתך רעדט צו עם וועגן די ענינים, ריידען זיי ניט אלץ דעם פרטי השכל שבדבר צוליב דעם ווילען זיי אים פארפירן, נאר וויבאלד זיי זיינען צוגעבונדען צו ע"ז ווילן זיי אז אויך דער טאטע זאל טאן אין דער ענין פון ע"ז, דעריבער איז שייך אז זיי זאלן וועלן איינריידען דעם טאטע.

במילא וויבאלד דא רעדט זיך ניט אזוי שטארק בנוגע צי זי איז אזוי נאנט צו אים אדער ניט, דעריבער זאגט ער ניט אמך אנשטאט אביך, איז פארשטאנדיק אז אויך דעם אביך איז ניט דוקא "אביך" וואס איז זיין טאטע, נאר יעדער איינער וואס קומט צו אים און רעדט מיט אים וועגן דעם ווערט יענער אנגערופען בשם אביך.

און ווי רש"י האט שוין פריער געזאגט אויף "ושננתם לבניך" אלו התלמידים, אז בשעת איינער לערנט מיט אימיצן א ענין ווערט יענער אנגערופען בשם בנים, דעריבער איז אפי' פרעמדע ווערן אנגערופן אין דעם ענין אן אב,

און דא קומט אריין כמדובר כמה פעמים די ענינים נפלאים וואס ליגען אין רש"י, און דאס איז וואס דער אלטער רבי שרייבט אין תניא, אז דער שלילה אויף ע"ז איז דער חכמה שבנפש, ד.ה. אז מיט די דרגא פון חכמה שבנפש קאן מען שולל זיין דער ענין פון ע"ז און חכמה ווערט אנגערופען בשם אב.

און דא קריגט מען ארויס פונעם רש"י א הוראה, אין דעם ענין פון "אל תאמין בעצמך" און "איני יודע באיזה דרך מוליכין אותי", און דאס איז אז אפי' מצד חכמה שבנפש קאן אמאל זיין דער מציאות פון ע"ז, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס דער אלטער רבי זאגט אז דער חכמה שבנפש איז שולל ע"ז, פונדעסטוועגען זאגט דער פסוק אז עס קאן זיין די מציאות אז אויך אביך די דרגא פון אב וואס דאס איז חכמה, קאן אמאל קומען צו אים און זיין די מציאות פון כי יסתך.

דעריבער מאנט מען פון יעדער איינער אז עס דארף אלע מאל זיין אט די תנועה פון מס"נ, וואס מס"נ מיינט ניט דוקא פון א צוויליטען, נאר מסירת הרצון, העכער פון חכמה, אז ער דארף דינען דער אויבערשטער מצד זיין רצון ניט נאר מצד החכמה, וואס בשעת ער טוט דאס מצד דרגת הרצון יעמאלט באווארנט דאס אז זיין חכמה זאל זיין כדבעי.

און דאס איז וואס מען געפינט ביי ירבעם בן נבט, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס ער האט געלערנט תורה אויף אן אופן וואס ער האט עס מתרגם געווען ק"ג פעמים, און איז געווען א חכם נעלה לפ"ע, פונדעסטוועגען מצד דערויף וואס ער האט געהאט דעם ענין הגאות וואס דאס איז די דרגת הרצון, האט דאס געפועל'ט אויף זיין חכמה אז ניט קוקענדיק אויף דעם וואס ער האט געהאט אזא גרויסע חכמה אין תורה האט דער רצון אים פארפירט אזוי ווייט.

עד"ז במדה טובה זאגט מען אז עס איז ניט גענוג צו גיין צום ענין מיטן חכמה אליין, ווארום מען דארף דערצו האבן דער מסירת הרצון וואס די רצון קאן פועל'ן אויף אים, ביז אפי' אויב מצד דרגת החכמה איז דא דער מציאות פון כי יסתך זאגט מען אבער בשעת עס איז דא דער מסירת הרצון פועל'ט דער רצון אויף זיין חכמה אז עס זאל זיין כדבעי למהוי.

און דאס איז וואס דער גמ' זאגט בנוגע צו חילול השם אז "אין חולקין כבוד במקום שיש חילול השם", וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק דא רעדט זיך דאך וועגן חילול השם וואס דאס איז די הארבסטע עבירה, איז וואס איז בכלל די הו"א אז מען זאל חולק זיין כבוד, ווארום פון גמ' איז משמע אז אויב דער גמ' וואלט דאס ניט געזאגט, וואלט מען געגעבן כבוד אפי' במקום שיש חילול השם?

נאר ווי גערעדט פריער אז עס קאן זיין די מציאות אז ער זאל זיין א רב און תורה אליין רופט עס אן בשם רב, במילא מצד די תורה וואלט מען אים געדארפט געבען כבוד, זאגט מען אבער אז אפי' אזא קאן זיין אז ער זאל אזוי ווייט פארקריכן זיך ביז צו חילול השם, און דעריבער אין חולקין כבוד, וכו'.